# עולת שבת בשבתו

**כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**בעזהשי"ת** | **פרשת ויצא** | **שנת תש"ע לפ"ק**

## מילי דחסידא

**הפעם אודה את ה':** שמעתי בשם **רבינו הקדוש החוזה מלובלין זי"ע** כי צריכן בכל דבר שאומרים ברוך ה' בעד זה הענין לומר מיד כן יעזור ה' גם להלאה, דאל"כ הרי זה כמעמיד ופוסק מעייני הישועה כשמברך רק על העבר, רק צריך להיות תיכף ומיד בקשה על העתיד, והרמז לזה בלאה שאמרה **הפעם אודה את ה'**, ולא בקשה מיד על העתיד ע"כ כתיב **ותעמוד מלדת** עכד"ה. (דברי תורה מהרה"ק ממונקאטש זצוק"ל)

## דרש דרש

**ויקרא שם המקום ההוא בית א-ל:** די גמרא זאגט אין מס' פסחים **לא כאברהם שקראו הר שנאמר אשר יאמר היום בהר ה' יראה, ולא כיצחק שכ' בו שדה שנאמר ויצא לשוח בשדה, אלא כיעקב שקראו בית שנאמר ויקרא שם המקום ההוא בית קל.**

זאגט **הרה"ק רבי יושע'לע מבעלזא זי"ע** א הערליכן חשבון פארוואס יעדער פון די אבות האט אנגערופן דעם מקום המקדש דוקא מיט דעם נאמען, ווייל דער מדרש זאגט אז דער בית המקדש וואס וועט אויפגעשטעלט ווערן לעתיד, דער ערשטער וואנט בויט דער אייבערשטער מיט זיין מחנה די מלאכים, **מחנה** איז בגימטריא ק"ג 103. נאכדעם קומט אברהם אבינו מיט זיין מחנה און בויט די צווייטע וואנט, האלט מען שוין ביי צוויי מחנות, צוויי מאל **מחנה** איז בגימטריא ר"ו (206) וואס באטרעפט **הר** מיטן כולל, וועגן דעם **אברהם קראו הר**. נאכדעם קומט יצחק אבינו מיט זיין מחנה און בויט די דריטע וואנט, האלט מען שוין ביי דריי מחנות, דריי מאל **מחנה** איז בגימטריא ש"ט (309) וואס באטרעפט **שדה**, וועגן דעם **יצחק קראו שדה**. נאכדעם קומט יעקב אבינו מיט זיין מחנה און בויט די פערטע וואנט, האלט מען שוין ביי פיר מחנות, פיר מאל **מחנה** איז בגימטריא **ת"ב** (412) וואס באטרעפט **בית**, וועגן דעם **יעקב קראו בית**.

*

**ותאמר הפעם אודה את ה' על כן קראה שמו יהודה:** לכאורה פארוואס האט הערשט לאה געזאגט '**אודה את ה'**' דוקא ווען יהודה איז געבוירן געווארן?

ענטפערט דער **רבי ר' יונתן אייבשיץ זי"ע** אז די גמרא זאגט אין מס' ברכות אז ווען מ'לויבט דעם אייבערשטן זאל מען נישט צולייגן מער שבחים אויפן אייבערשטן ווי חז"ל האבן מתקן געווען, וויבאלד מ'קען סיי ווי נישט זאגן דעם אייבערשטנס גאנצע לויב, קוקט אויס ווען מ'לייגט צו אז מ'וויל ארייננכאפן צו זאגן די גאנצע.

די גמרא זאגט אין מס' עירובין (דף י"ח ע"ב) אז מ'זאגט אביסל פון א מענטשנס לויב בפניו, און ווען ער הערט נישט זאגט מען די גאנצע לויב. קומט אויס אויב דער אייבערשטער רוהט אויך אויף די וועלט מעג מען אים לויבן, ווייל וויפיל איך לויב אים איז **מקצת שבחו בפניו**, אויב אבער רוהט דער אייבערשטער נאר אין הימל טאר מען אים נישט לויבן, ווייל מ'קען סיווי נישט זאגן זיין גאנצע שבח. די **מפרשים** זאגן אז פון אדם הראשון ביז אברהם אבינו איז געווען זיבן רשעים, און זיי האבן גורם געווען אז די שכינה איז צוריק ארויפגעגאנגען די זיבן הימלען. פון אברהם ביז יהודה זענען געווען זיבן צדיקים, און זיי האבן צוריק אראפגענידערט די שכינה פון די 7 הימלען.

קומט אויס אז ביז יהודה איז נישט געבוירן געווארן האט מען נישט געמעגט זאגן דעם אייבערשטנס שבח, ווייל ס'איז געווען **שלא בפניו**. הערשט ווען יהודה איז געבוירן וואס ער איז געווען דער זיבעטער צדיק, און ס'איז צוריק געווארן השראת השכינה אויף די וועלט, האט מען שוין געמעגט לויבן דעם אייבערשטן ווייל מ'מעג לויבן מקצת שבחו בפניו.

דאס האט לאה געזאגט, **הפעם** יעצט נאכדעם וואס יהודה איז געבוירן געווארן, איז שוין דא השראת השכינה אויף די וועלט, איז דאס שוין בפניו, וועגן דעם **אודה את ה'**, מעג מען שוין יא לויבן דעם אייבערשטן וויפיל מ'וויל.

## מעשה רב

### הכזונה יעשה אחותינו

אמאל האבן זיך געטראפן די צוויי צדיקים **רב ייב"י זצ"ל פון אוסטראה** מיט **רבי פינחס'ל קאריצער זצ"ל**, און זיי האבן געשמועסט וואס עס איז די גרעסטע עבירה וואס איז מעכב אידישע קינדער אין גלות.

**רב ייב"י** האט גע'טענה'עט אז דאס רעדן דברים בטלים אין ביהמ"ד און ביים דאווענען איז די הארבסטע עבירה.

**רבי פינחס'ל** האט גע'טענה'עט אז די פירצות בעניני צניעות דאס איז מעכב די גאולה שלימה.

האבן זיי מחליט געווען צו עפענען א חומש און זעהן וועלכע פסוק עס וועט זיך די ערשטע עפענען, דארט וועלן זיי זעהן צו וועמען עס איז א ראי' פון יענעם פסוק.

האט זיך דער חומש געעפענט ביי פר' וישלח, ביי די ווערטער **"הכזונה יעשה אחותינו"**.

האט רבי פינחס'ל געזאגט אז דאס איז א ראי' צו איהם אז די עבירה איז אז אידישע טעכטער זענען נישט בצניעות.

האט **רב ייבי** געוויזן אין תרגום יונתן שטייט דער אפטייטש פון די ווערטער "פארוואס זאל געזאגט ווערן אין די בתי מדרשים פון די אידן אז יעקב אבינו'ס טאכטער איז א זונה".

איז אויסגעקומען אז ביידע צדיקים זענען געווען גערעכט.

# בפרדס הפרשה

## זמן מוצאי שבת קודש

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר **ויפגע במקום וילן שם** - זאגט רש"י **רבותינו פירשו לשון תפלה ולמדנו שתקן תפלת ערבית**, ווען יעקב אבינו איז אנגעקומען אויף דעם פלאץ איז די זון פלוצלונג אונטערגעגאנגען און ער האט געדאווענט מעריב. דעריבער וועלן מיר לערנען די "ידיעה" איבערן זמן פון תפילת מעריב.

די הייליגע חכמים לערנען ארויס פון דעם פסוק **ויפגע במקום, כי בא השמש,** אז ווען די זון גייט אונטער (דאס ווערט אנגערופן די 'שקיעה') איז דער זמן פון תפילת מעריב.

אבער דאס איז פארוויקעלט מיט א גרויסע באקאנטע מחלוקה צווישן דעם **רבינו תם, יראים,** און **גאונים** ווען עס ווערט נאכט. און אין דעם איז געוואנדען דער **"זמן"** ווען מיר צינדן די שבת'דיגע ליכט, און ווען מען קען טוהן א מלאכה מוצאי שבת.

**א) שיטת רבינו תם:**

דער **רבינו תם** האלט אז עס זענען דא צוויי שקיעות. דאס הייסט, עס זענען דא 2 חלקים ווען די זון גייט אונטער, די 1'טע איז ווען די זון הייבט אן אונטערצוגיין, און די 2'טע איז ווען די לעצטע שטראלן פון די זון ווערן שוין פארדעקט.

דער חילוק פון די ערשטע שקיעה ביז די צווייטע שקיעה איז 72 מינוט, און נאך 58½ מינוט נאך די ערשטע שקיעה איז בין השמשות ווא½ דא½ דויערט 13½ מינוט, און נאר נאך בין השמשות ד.ה. נאך גאנצע 72 מינוט פון די ערשטע שקיעה דעמאלט½ איז נאכט (בין השמשות איז א ½פק צו ½'איז טאג אדער נאכט, און איינער ווא½ טוט א מלאכה שבת בין השמשות דארף ברענגען א אשם תלוי). קומט אוי½ אז 72 מינוט נאכדעם ווא½ די ערשטע שקיעה הייבט זיך אָן ווערט נאכט, און דעמאלט½ מעג מען שוין מוצאי שב"ק טוהן א מלאכה. אבער ביי די ערשטע שקיעה איז נאך לויטן רבינו תם געהעריג טאג, און ערב שבת מען מעג נאך טוהן א מלאכה ביז בין השמשות.

**ב) שיטת הגאונים:**

די **גאונים** האלטן אז ביים אנהייב פון די ערשטע שקיעה איז שוין בין השמשות, און נאך 13½ מינוט ווערט נאכט.

קומט אוי½ לויט די גאונים איז נאכט מיט 58½ מינוט פארן רבינו תם.

**ג) שיטת היראים:**

די **יראים** האלטן אז תיכף ביים אנהייב פון די 1'טע שקיעה איז נאכט, און 13½ מינוט פאר די 1'טע שקיעה איז בין השמשות.

לויט די **יראים** איז נאכט מיט 13½ מינוט פאר די גאונים, און 72 מינוט פארן רבינו תם. (די דעה האט מען נישט אנגענומען להלכה).

ווי וועמען האלט מען להלכה?

מיר פ½ק'ענען להלכה ווי שיטת **רבינו תם**. דא½ היי½ט אז מוצאי שבת מאכן מיר נישט אוי½ שבת ביז ווען ע½ איז שוין דער זמן פון **רבינו תם**, ווא½ דא½ איז 72 מינוט נאך די שקיעה. אזוי אויך ביי יעדע זאך ווא½ איז נוגע צו ע½ איז טאג אדער נאכט פ½ק'ענט מען ווי שיטת רבינו תם, אז ביז 72 מינוט נאך די שקיעה איז נאכנישט נאכט. קומט אוי½ אז לויטן רבינו תם דארף מען מקבל שבת זיין מיט 13½ מינוט פריער ווי ע½ איז דער זמן מוצאי שב"ק, ווייל דעמאלט½ איז שוין בין השמשות.

למעשה טוט מען אבער נישט אזוי, ווייל ביים זמן פון קבלת שבת רעכענט מען זיך מיט שיטת הגאונים אז בין השמשות הייבט זיך אן גלייך ביי די ערשטע שקיעה, ד.ה. מיט 58½ מינוט פריער. און מען טאר שוין נישט טוהן קיין מלאכה פון ווען ע½ הייבט זיך אן די ערשטע שקיעה.

קומט אוי½ אז לויט דעם חשבון איז דער זמן פון קבלת שבת פריער ווי דער זמן פון מוצאי שבת מיט 72 מינוט. און אזוי האט מען זיך טאקע געפירט אינדערהיים אין אלע היימישע פלעצער, אז מ'האט געצינדן די שבת ליכט, 72 מינוט פאר די שקיעה.

**תקנת רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע:**

ווען **רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע** איז געקומען קיין אמעריקא, און ער האט געזעהן די גרוי½ע וויכטיגקייט פון מחזק זיין דעם קדושת השבת אין אמעריקע ווא½ איז געווען זייער נאכגעלאזט, אבער וויבאלד אין יעדע שטאט האבן געוואוינט אידן פון מערערע קהילות האט יעדער מקבל שבת געווען אין א צווייטע צייט, אזוי אז ווען איינער איז שוין געגאנגען אין בית המדרש נאכן ליכט צינדן האט נאך דער צווייטער געטוהן געהעריג א מלאכה און דא½ האט גורם געווען אז א½אך אנדערע אידן האבן אינגאנצן נישט מקבל שבת געווען... האט דער רבי מחליט געווען אז מ'מוז מתקן זיין א תקנה קבועה איין "זמן" ווען אלע אידן זאלן מקבל שבת זיין.


# מודעה רבא לאורייתא

בועד אסיפת הרבנים שהתקיימא אור ליום ד' סדר טהרה ד' ניסן תשי"ד לדון בדבר פרצת שמירת שבת קודש היינו זמן הדלקת נרות בעש"ק וזמן היתר מלאכה במוצש"ק, אחר שנשאו ונתנו בדבר בפלפול הלכה באו לידי מסקנא בהחלטה גמורה ופסק הלכה על פי הוו"ד עפ"י דתוה"ק אשר זמן הדלקת נרות בעש"ק יהי' רבע שעה (15 מינוט) קודם שקיעת החמה של יום עש"ק וזמן היתר מלאכה במוצאי שבת קודש היא 72 מינוט מזמן השקיעה של מוצאי שבת קודש. לזה באנו הח"מ לפרסם את אשר מצאנו על פי דעת תורה הקדושה והשי"ת יהי' בעזרנו לשומר את השבת כהלכתו ובזכות זה נזכה לגאולה שלימה בקרב ולראות בשמחתן של ישראל וישועתן.

*דער "קול קורא" וואס דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע מיט מרן הברך משה זי"ע מיט נאך צענדליגער רבנים האבן אונטערגעשריבן איבער'ן זמן הדלקת הנרות אין ניו יארק*

האט דער רבי צוזאמען גערופן א גרוי½ע א½יפה פון אלע ערליכע רבנים אין אמעריקע, און ביי די א½יפה איז אנגענומען געווארן שטרענגע תקנות זיך צו האלטן מוצאי שבת צום **זמן רבינו תם**, און ערב שבת זאל מען צינדן ליכט מיט 15 מינוט פריער פון שיטת הגאונים, כדי יוצא צו זיין אלע דיעות, און דעמאלט איז פארעפנטליכט געווארן א **"קול קורא"** אויף וועלכן 47 רבנים האבן אונטער געשריבן, מיטן קלארן פ½ק.

קומט אוי½ אז דער **זמן הדלקת נר שבת** איז מיט 72 און 15 מינוט פאר דעם זמן מוצאי שב"ק, ווא½ דא½ איז בערך 88 מינוט ווא½ דא½ איז א שעה מיט 28 מינוט. (ע½ איז נאר בערך וויבאלד מוצאי שב"ק איז שוין א טאג שפעטער פון ערב שבת, האט זיך שוין דער זמן גערוקט מיט א מינוט).

# מילי דשמעתתא

בפרשת השבוע ובגמרא מס' קידושין

*

**הא לן והא להו:**

מיר האבן געלערנט אין די גמרא אז די מחלוקת צי מ'זאל קודם חתונה האבן און נאכדעם לערנען תורה, צי מ'זאל קודם לערנען תורה און נאכדעם חתונה האבן, ווענדט זיך הא לן והא להו.

תוספות לערנט פשט הא לן, דאס איז געזאגט געווארן פאר די בני אר"י וואס האבן געלט, קענען זיי קודם חתונה האבן און נאכדעם לערנען, ווייל דער עול הפרנסה וועט אים נישט שטערן פון לערנען. משא"כ די בני בבל וואס האבן נישט קיין געלט, דארפן קודם לערנען תורה און נאכדעם חתונה האבן.

מיט דעם איז דער **חיד"א** מסביר וואס איז געווען מיט יעקב אבינו, וואס ער איז ארויסגעגאנגען פון באר שבע כדי צו גיין קיין חרן, און פלוצלונג האט ער זיך בארעכנט און ער איז געגאנגען לערנען פערצן יאר אין בית עבר. ווייל בשעת ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון זיין טאטנס הויז האט ער מיטגענומען מיט זיך א גרויסן אוצר מיט גאלד און זילבער, ממילא האט ער געהאלטן אז ישא אשה ואח"כ ילמוד תורה, און ער האט קודם געוואלט גיין קיין חרן חתונה האבן און נאכדעם וועט ער לערנען.

משא"כ נאכדעם וואס אליפז האט אים אלעם אוועקגענומען איז ער שוין געווען ארעם, איז שוין געווען ביי אים די הלכה ילמוד תורה ואח"כ ישא אשה, און פאר דעם איז ער געגאנגען לערנען תורה אין בית עבר.

יעצט לאמיר זעהן אינעם לוח, די וואך פרשת ויצא איז דער זמן הדלקה 4:13 לייג צו 1:28 איז דער זמן מוצאי שב"ק בערך 5:40 (די וואך איז 5:41).
יעצט רעכן שוין אליין אוי½. די קומענדיגע וואך פר' וישלח וועט זיין דער זמן הדלקה 4:14 און דער זמן מוצש"ק בערך __:_
ובזכות שמירת שבת זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן